# דער שמאָלער שטראָם און דער בויער

אַ וואַסער- שטראָם, אַ קלאָרער ווי קרישטאָל,
נאָר זייער שמאָל,
איז דורך אַ פֿעלד געפֿלאָסן
און ווער עס האָט גענאָסן,
דעם קילען זילבער טראַנק,
פֿלעגט אים גענוג ניט לויבן קאָנען,
און זייער לאַנג
דעם קוויקנדיקן טעג דערמאָנען.

דער אייגנטימער פֿון דעם פֿעלד
אַ פּראָסטער חי- וקים,
האָט אָנגעקוואָלן וואָס די וועלט
זיך לאָבט מיט זײַנע מים
און האָט אַזוי געקלערט:
אויב ס'האָט דער שטראָם אַזאַ מין ווערט
ווען ער איז בלויז די גרייס א שפּאַן,
וואָלט זײַן א גוטער פּלאַן,
אים גאָר פֿאַרוואַנדלען אין אַ טײַך.
און טאַקע גלײַך

האָט ער גענומען  אויסגראָבן די ערד
און האָט געאַרבעט טעג כּסדר...
דאָך דאַמאָלס ליידער,
געהאַט האָט ער חרטה,
דען פֿון דעם קליינעם שטראָם דעם קלאָרן,
איז בלויז געוואָרן,
אַ גרויסע פֿלאַכע בלאָטע....

פֿאַבלען- יהואַש

# Der shmoler shtrom un der boyer

A vasser shtrom, a klorer vi krishtol, nor zeyer shmol,
Iz durkh a feld geflosn.
Un ver es hot genosn,
Dem kiln zilber trank,
Flegt im genug nit loybn konen,
Un zeyer lang
Dem kvikndikn teg dermonen.

Der eygntimer funem feld,
A proster khay ve kayem
Hot ongekvoln vos di velt,
Zikh lobt mit zayne maim
Un hot azoy geklert :
Oyb s'hot der shtrom aza min vert
Ven er iz nor di greys a shpan
Volt zayn a guter plan
Im gor farvandlen in a taykh
Un take glaykh

Hot er genumen oysgrobn di erd
Un hot gearbet teg kaseyder
Dokh damols leyder
Gehat hot er kharote
Den fun dem kleynem shtrom der klorn,
Iz bloyz gevorn
A groyse flakhe blote.

Extrait de Fablen par -Yehoash-